פאלקס אוניווערסאל ביבליאטעק
רעדאגירט פון ה. אקצין.
(פאליטישע אבטיילונג)

# „דאס מוז וויסען יעדער פרייער בירגער“

## די מלוכה-ארדנונג אין פראנקרייך, ענגלאנד, אמעריקא און שווייץ.

בעארבייט פון הערץ אקצין.

אויסגאבע „חבר“

ה. אקצין, מאלאי בראנאיא, נומ. 10, וואהנ. 19, טעלעפאן 4-69-10.

Печаталась въ „Русской Печатнѣ“.

Tartu Juudi usu koguduse valitsus

# דאס מוז וויסען יעדער פרייער בירגער!

„אלע מענשען זיינען גלייך און דארפען פריי זיין“. די פשוטע באגריפען, אזעלכע קלארע, אמת׳-דיגע פאר יעדען דענקענדען מענשען פון אונזער צייט, האבען זיך איינגעגעבען דער מענשהייט צו פארווירקליכען אין לעבען מיט גרויסע אנשטרענגונג פון דעם שאפענדען געדאנק און שווערען קאמפף. די ערשטע האט זי אויפגעבויט אין אונבע-שרייבליכע ליידען פראנקרייך, וועלכע איז תמיד געשטאנען בערייט צו באשיצען מיט איהר בלוט אלעס שענעס, איידעלעס, פיין-דיינקענדעס און גרויסמוטיגעס.

פראנקרייך האט די ערשטע אנערקענט יענע פשוטע באגריפען – באגריפען פון פרייהייט און מענשליכע גלייכבארעכטיגונג, און דאס איז איהר גרעסטע אויפטוהונג פאר דער מענשהייט און פאר א די טהאט קומט אנ׳אייביג דאנק און עהרע פון דער גאנצער וועלט דעם פראנצויזישען נאציאנאלען געניע.

די הויפט-אויפטואונג פון פראנקרייך באשטייט ניט אין דעם, וואס זי האט ארונטער געווארפען פון זיך די אבסאלוטע מאכט, וואס זי האט געביטען אייניגע רעגירונגס פארמען. דאס אלעס האט שוין געקאנט די וועלט נאך ביז 1789 טען יאהר. א מעכטיגע קאנסטיטוציע איז שוין געוועזען פון לאנג איינגעפיהרט אין ענגלאנד; רעספובליקען אלער ארט האט שוין געוואוסט די אור-אלטע געשיכטע און אויך איטאליען. די מענשהייט נאך פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע האט שוין געוואוסט פון אויפ-שטאנדען, פיל געלונגענערע, עררייכטע אפילו פיל איינפאכער און לייכטער. שטענדיג זיינען פארגעקומען אויפשטאנדען, ברויט-

בונטען, רעליגיע-אויפשטאנדען, בונטען וועלכע זיינען געווען ארויסגערופען דורך שווערע שטייערן, אונצופרידענהייט פון דער באפעלקערונג מיט זייערע הערשער, עס איז אבער נאך ניט פארגעקומען קיין אויפשטאנד אים נאמען פון «מענשען און בירגער רעכט», אים נאמען פון פרייהייט און גלייכבע-רעכטיגונג. ביז 1789-טען יאהר זיינען זיי נאך ניט געווען, ווייל עס איז נאך ניט באשאפען געווארען די אידעע, ווייל די מענש-הייט איז נאך ניט געווען דערוואקסען דערצו; און נאך דעם 1789-טען יאהר האבען זיי אויפגעהערט שפיעלען די ערשטע דא-מינירענדע ראל, ווייל די מענשהייט האט פלוצלינג איינגעזויגען אין זיך א די אידעען און זיי פארשטאנען, נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע, האט מען שוין אויך ניט געדארפט ערקלערען א די אידעען און דעריבער איז יעדער יעצטיגע רעוואלוציע ניט מעהר ווי א רעגירונגס-בייט, א פארשטענדליכע און אבאשטימ-טע, ניט קיין פאנטאזיע-פראבע, צו אויסזוכען ערגיץ-וואו א פארלארענעם גן-עדן, וועלכען האבען געזוכט די יונגע ארבייטער פון דער גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע, וואס האבען געגלויבט דאס די הייכע אידעען, וועלכע זיי האבען ענטדעקט, וועלען אויפלעבען און אויפפרישען די פארשקלאפטע מענשהייט, וועלען אויפבויען אנייעם מענשען, אנ׳איידעלען, א גרויסמוטיגען וועלכער וועט לעבען אין גלייכבערעכטיגונג, ברודערשאפט און פרייהייט.

איצט ארגאניזירט זיך אויך אין רוסלאנד א נייע מלוכה-ארדנונג, עס איז געקומען די צייט פארצווינגען דער יונגער פרייער רוסלאנד׳ס וויעג-לידעלע. אנדערע פעלקער אין דרום האבען שוין פיעל פריהער ארויסגעווארפען פון זיך די שווערע לאסט און לעבען איצט אין רייכטהום און וואוילשטאנד, איצט איז אויך פאר אונז געקומען די צייט זיך לערנען ביי זיי, דערוויסען זיך פון זייערע מלוכה-ארדנונגען און זעלבסטפערוואלטונגען.

די ענגלענדער אונזערע פעטאנדטע האבען נאך אין 1215-טען יאהר ארויסגעגעבען זייער גרויסען פרייהייטס-דעקרעט די בעקאנטע*) (Великая хартія Вольностей) וועלכע איז געווען א באזיס פון ענגלישען פארלאמענט, און האט בעגרענצט די מאכט פון קעניג. אין פערלויף פון 700 יאהר האט דאס ענגלישע פאלק איהרע רעכט בעפעסטיגט, פארנאדערגעברייט זיי און אזוי זיך איינגעלעבט מיט דער פרייהייט, דאס עס האט גאר קיין רייד נישט געקאנט זיין, וועגען וועלכע עס איז בעגרענצונגען. אויסער דעם האבען די ענגלישע קעניגע זיך אזוי צוגעוויינט מיט זייער לאגע, דאס עס איז זיי אויך נישט איינגעפאלען צו בערויבען די פאלקס פרייהייט**).

---

*) דער ענגלישער קעניג יאהאן בעזעמעלני האט אין 1215-טען יאהר איבערגעלעבט זעהר א שווערע צייט, נישט האבענדיג קיין געלד-מיטלען צו פיהרען די אויסערליכע פאליטיק, ווייל דאס פאלק איז שוין געגנוג געווען בעלאסטעט מיט שרעקליכע אבצאהלונגען. די אונצופריעדענע וואסאלען האבען עס אויסגענוצט און אין 15 יוני פון זעלביגען יאהר, האבען זיי איהם געצוואונגען ארויסצוגעבען דעם אויבען דערמאנטען דעקרעט "Великая хартія Вольностей„, וועלכער איז געווען אנ׳אבמאך צווישען דעם הערשער און זיין פאלק. אין דעם הינזיכט געווינט דער דעקרעט אנטקעגען אזא עהנליכען אקט—„די גאלדענע בוללא" פון אונגארישען קעניג אנדריי דעם צווייטען. אין דער צייט ווען דער לעצטער האט אבגעגעבען די אויבענדערמאנטע רעכטען אין די הענד פון די מאגנאטען, האט דער ענגלישער דעקרעט דייט-ליך און קלאר אונטערגעשטריכען די אלגעמיינע פרייהייט.

**) 38 מאהל האבען די הערשער דעם דעקרעט בעשטעטיגט: 6 מאל העניך דער III-טער, 3 מאל עדוארד דער I-טער, 15 מאהל עדוארד דער זעקסטער, 6 מאל ריטשארד דער צווייטער, 6 מאל העניך דער IV-טער 1. מאל העניך V-טער און 1 מאל העניך דער VI* טער. די אלע בעשטעטי-גונגען געהערען צום דעקרעט פון II-טען פעבריואר 1225, יאהר, וועלכע עס האט איבערגעאנדערט העניך דער III-טע * פון די 37 סטאטוטען פון דעק-רעט 1225 זיינען דערנאך אבגעשאפט 19 פון פארלאמענט זעלבסט אין 1863-טען יאהר.*)

פון דאן אן האט ענגלאנד געדינט אלס מוסטער אין מלוכה ארדנונג.

ביי אונז אבער האט ניקאלאי דער II טער א פענהערציג אנגערופען דעם געדאנק וועגען א רוסישען פארלאמענט „פאנטאזי און אונזין״ (ביי אוידענץ פון פירסט טרובעצקאי אלס דעלעגאט און ווען דאס פאלק האט בעצוואונגען דעם געוועזענעם צאר אין 1905 יאהר צוזאמען רופען די דומע, האט זיך באלד אין א קורצע צייט אנגעהייבען פערפאלגונגען אין אמת׳ע אבשפאסונג פון די פאלקס-פארשטעהער. ביז׳ן לעצטען מאמענט האט מען דעם רוסישען פארלאמענט בעהאנדעלט אלס משרת. ווען עס איז נויטיג עפעס דורכצופיה׳רען געגען פאלק, האט מען די דומע פאר-נאנדער-געלאזען בענוצענדיג זיך מיט דעם בעריהמטען 87-טען סטאטוס (זכרונו לברכה) פון די „גרונד-געזעצען״.

ווען עס וואלט זיך איצט צום אונגליק איינגעווארצעלט דער „געדאנק פון א קאנסטיטוציאנעל מאנארכי, וואלט פון אונזער פרייהייט גארנישט געבליבען און אפשר וואלטען נאך צוגעקומען מצבות אויף די קברים פון אונזערע קדושים. די ראמאנאווס מיט זייערע פערקויפטע בעהעלפער וואלטען שוין דאפעלט בעצאלט דאס פאלק פאר זיין קאמפף און זיעג.

וויא גרויס עס איז איין געווארצעלט ביי דער דינאסטיע דער פרינציפ פון גוואלד קען מאן ארטהיילען נאך דעם פאלגענדעם קליינעם, נור חאראקטעריסטישען פאקט. דער געוועזענער טראהן-פאלגער אלעקסיי נאכ׳ן פערהאפטונג, ווען דער קאראול-נאטשאל-ניק האט איהם עפעס ניט ערלויבט, האט דער דרייצען יאהריגער אינגעל מיט כעס אויסגעשריען: „זאל ער נור פרובירען, איך בעפעהל איהם גלייך אויפהייגען״

ד. ה. ער האט דעם אפמאך איבערגעדאגירט אין א פארם פון אייגענ-וויליגער (ניט געצוואונגענער) געשענק פון קעניג.

מען קאן זיך פארשטעלען ווי דאס זיס נפש׳ל וואלט מיט דער צייט רעגירט מיט׳ן רוסישען פאלק, (דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים...) און ווי ער וואלט זיך פארהאלטען צו וועלכע עס איז בעגרענצונגען פון זיינע רעכט. די מאנארכיע איז דערמיט גע-פערליך, וואס זי בעקומט די מאכט בירושה, און ווי סי בעקאנט, ירושה ברייננט קיין גליק... ווען אפילו דאס פאלק וואלט זיך אויסקלייבען א קאנסטוציאנעם קעניג דעם בעסטען הומאניטארען און א איבערגעבענעם צו דער פרייהייט און דער קעניג וואלט רעגירען אידעאליש, בלייבט צוריק די אלטע פראגע: ווער גאראנטירט דאס זיין זוהן אדער אייניקעל וועט ניט זיין עהנליך צו אלעקסיי אדער צו ניקאלאי ראמאנאוו און ער וועט ניט וועלען צוריקכא-פען אין זיינע הענד די גאנצע מאכט, די זעלבסט-הערשונג. און פאלקס-בלוט וואלט זיך ווידער גיסען אין קאמפף פיר פרייהייט און ווער ווייס צו ניט ביי פיעל שלעכטערע אומשטענדען ווי יעצט.

דעריבער מוז דער געדענק פון מאנארכיע באגראבען ווערען און זיך איין ווארצלען א געדאנק פון א פרייע רעספובליק.

איך האב אויסגעקליבען דירעקט די פאלגענדע מלוכה-אר-דנונגען; אמעריקא, פריינקרייך, ענגלאנד און שווייץ, ווייל לויט זיי וועלען מיר זיך בעקענען מיט די פיר אונז איצט זעהר וויכטיגע רוסישע בירגער-פראגען.

פון די איצט עקזעסטירענדע מלוכות איז די געלונגענסטע פארערכענט די רעספובליק פון די צפון-אמעריקאנישע פאראייניג-טע שטאטען. און אזא מלוכה ארדנונג איז נויטיג פאר רוסלאנד. נור זי קען איינשטארקען אונזער פרייהייט מיר זאלען קאנען רוהיג ארבייטען. די רעספובליקע פון רוסלאנד וועט ווירקליך ווע-רען גרויס, בליהענד און מעכטיג.

עס לעבט די רוסישע רעספובליק!

## די מלוכה ארדנונג אין פראנקרייך.

פראנקרייך איז דער מוסטער פיר א פארטרעטערישע רעס־פובליק, פונקט ווי ענגלאנד – א מוסטער פון קאנסטיטוציאן־פאר־לאמענטארישע מאנארכיע. פון די לעצטע לערך אנדערטהאלבען הונדערט יאהר האט פראנקרייך איבערגעלעבט פיעלע רעוואלו־ציאנע שטורמען. זי האט געהאט ביז פינף רעספובליקאנישע קאנס־טיטוציעס און דריי מאהל אונגעפער האט זי ארויסגערופען א רעס־פובליק. די יעצטיגע רעספובליק (לויט'ן רעכנונג די דריטע) האט זיך געגרינדעט אין דער צייט פון דעם גרעסטען נאציאנאלען אומגליק, נאך דער אונגעלונגענער פראנקרייך פרייסישער מלחמה אין דער שרעקליכער צייט פון איינשטילען פאריזער קאמונע; זי שפיגעלט אין זיך אפ די שפורען פון דער עפאכע, וואס האט זי באשאפען. אין דער הויפט פון פראנצויזישען פאלק שטעהט די נא־ציאנאלע זאמלונג און דער פרעזידענט; די נאציאנאל זאמלונג באשטעהט פון צוויי פאלאטען—די דעפוטאטען־פאלאטע און דער סענאט. זי שאפט געזעצען, קלייבט אויס דעם פרעזידענט און קאנטראלירט די טעטיגקייט פון דער רעגירונג. די פאלאטען ארבייטען באזונדער; די אלגעמיינע זיצונגען פון די צוויי פאלא־טען קומען פאר נור ביים אויסקלייבען א פרעזידענט אדער בא־שטימען וועלכע עס איז ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע; די פאלאטען זיצען סעס־עס־וויס, יעדע סעסיע פאנגט אן אין יאנ־ויאר און דויערט ניט ווייניגער פון פינף מאנאטען. און באזונדערע אויסערגעוועהנליכע פאלען רופט צונויף דער פרעזידענט אנ'עק־סטרא־סעסיע. די דעפוטאטען־פאלאטע באשטעהט פון דעפוטאטען, אויסגעקליבענע אויף פיר יאהר. ביי אלגעמיינע שטים־רעכט. שטים־רעכט האט יעדער בירגער פון 25 יאהר. עס טארען ניט

אויסגעקליבען ווערען מיטגליעדער פון דער געוועזענע הערשענדע דינאסטיע**) אויך די וועלכע געפונען זיך אין דער ארמעע. דער סענאט באשטעהט פון 300 סענאטארען, וועלכע ווערען אויסגע-קליבען אויף 9 יאהר דורך עקסטרא-וואהלען; אויסגעוועהלט אין איהם קאנען זיין מענשען פון 40 יאהר. דער פרעזידענט פון רעספובליק ווערט אויסגעוועהלט אויף 7 יאהר דורך די אלגעמיינע זיצונג פון דער דעפוטאטען-פאלאטע און סענאט; נאר ער קאן אויסגעוועהלט ווערען איינציגעסאל, אויב ער געפעלט דער באפעלקערונג. אלס פרעזידענט טאר אך ניט אויסגעקליבען ווערען א מיטגליעד פון די געוועזענע הערשענדע דינאסטיען. די פרעזידענטס-מאכט אין פראנקרייך איז זעהר גרויס, ביי דער איינשטימונג פון סענאט האט ער די רעכט פארנאנדערצולאזען די דעפוטאטען פאלאטע; א גע-זעץ-פראיעקט א שוין אנגענומענער פוןביידע פאלאטען, קאן אין א מאנאט צייט צוריק געשיקט ווערען דורכ'ן פרעזידענט אויף איבערצוזען. נאר אין איין פאל—אין פאל פון א מלוכה- פעראטה קאן מען איהם צוציהען צו פאראנטווארטליכקייט—דער פראנצוי-זישער פרעזידענט—איז דער הויפט פון דער רעגירונגס-מאכט, נור ער רעגירט איבער'ן לאנד מיט דער הילף פון פאראנטווארט-ליכע מיניסטארען, אויסגעקליבענע פון דער פארטיי, וועלכע האט די מערהייט אין דער דעפוטאטען-פאלאטע. דער פרעזידענט פירט די אויסערליכע אונטערהאנדלונגען און באשטימט אפמא-כען מיט די איבעריגע רעגירונגען. ער האט דאס רעכט צו בא-

**) ווייל אין 1802 טען יאהר האט נאפאלעאן-באנאפארט אויסגענוצט די אומרוהיגע צייט, און אונטערגעשטיצט פון די סאלדאטען, וועלכע האבען איהם פארגעטערט, האט ער אומגעענדערט דעס גאנצען מלובה-ארדנונג, איינ-פירענדיג ווידער דעס טיטול קעניג, האט ער זיך אנגערופען „נאפאלעאן דער ערשטער".

שטימען ריכטער און דאס רעכט פון שיינקען דאס לעבען. דער פרעזידענט פערזענליך אדער דורך זיינע מיניסטארען באשטימט אלע רעגירונגס און אדמיניסטראציע-בעאמטע און האט א ברייטע פאלמאכט ארויסגעבען רעסקריפטען, דער קאנטראל איבער די געזעצמעסיקייט פון דער רעגירונגס-פערוואלטונג געהערט דעם העכערן געריכט וועלכער הייסט מלוכה-ראט.

---

## די מלוכה-ארדנונג אין ענגלאנד.

א פאראייניגטע מלוכה, אייגענטליך, ענגלאנד, שאטלאנד און אירלאנד, ליגט זי אויף אינזלען און צוזאמען מיט איהרע קאלאניען איז זי די גרעסטע מלוכה אין דער וועלט. זי פארנעמט מער אלס $1/_5$ פון דער גאנצער יבשה אויפן ערד-קוגעל און די צאהל פון איהרע איינוואוינער עררייכט ביז $1/_4$ פון דער גאנצער וועלט-באפעלקערונג. די מלוכה-ארדנונג אין ענגלאנד איז אקאנסטיטוציאן-פארלאמענטארישע מאנארכיע. די העכערע מאכט געהערט דעם קעניג, דער געמיינדע-פאלאטע און די העכערע פאלאטע פון לארדען. פון די אלע דריי אנשטאלטען צוזאמען גענומען באשטייט דער גאנצער פארלאמענט. דער ענגלישער קעניג איז א ערבליכער מאנארך; ביים ארויפטרעטען אויף דעם כסא המלוכה שווערט ער; דער קענטערבורישער ארכיעפיסקאפ לייגט אים אַ פאר פראגען, וועלכע ער דארף באשטעטיגען; דער ארכיעפיסקאפ פרעגט אים, צי פירזיכערט ער רעגירען, איבער דאס לאנד לויטן געזעץ און טראדיציע, אויסנוצען זיין באפאלמאכט לויטן געזעץ און גערעכטיגקייט און מיט זיין מאכט באשיצען די רעליגיע און די קירכע? ענטזאגען זיך פון דער שבועה, איז גלייך ווי ענטזאגען זיך פון דער מלוכה; דער ענגלישער קעניג איז אינפאראנט-ווארטליך ד. ה. קיינער קאן איהם אנקלאגען אין געריכט משפטן

און באשטראפען; פון דעסטיועגען, ניט קיקענדיג אויף דעם, וואס דער קעניג אין ענגלאנד איז אנ'אונפאראנטוואָרטליכער און אנ-ערבליכער מאנארך, איז נאך אלעמען, זיין מאכט זעהר קליין. דער ענגלישער פאלק, וועלכער האט איבער-געלעבט דריי רעוואָ-לוציעס און אין פארלויף פון הונדערטער יאהר'ן האט געשאַ-פען זיין מלוכה-ארדונג, האט פארשטאנען צו פארזיכערען זיין פרייהייט און ניט צולאזען אפילו דעם קעניג באנוצען אי'גענע מאכט. דער קעניג רופט צונויף דעם פארלאמענט (געמיינדע פא-לאטע און לארדען-פאלאטע) און ער האט רעכט פארנאנדערצולא-זען אים ביז דער צייט פון די דעפוטאטענס בעפאלמאכט, אבער ער האט ניט קיין רעכט פארצולייגען פראיעקטען; מיט א דער רעכט באנוצען זיך נאר די מיטגלידער פון פאלאטע. כדי א געזעץ פראיעקט זאל בעקומען די מאכט פון א געזעץ איז נויטיג די איינשטימונג פון דער געמיינדען—פאלאטע, לארדען-פא-לאטע און דעם קעניג. אפילו דער קעניג האט רעכט ניט צו באשטימען געזעץ-פראיעקטען שוין דורכגעגאנגענע און באשטע-טיגטע פון די פאלאטען, פון דעסטיועגען באנוצען ניט דאס רעכט די ענגלישע מלכים שוין אין פערלויף פון הונדערט יאר און דעריבער איז דאס רעכט אים קראפט פון דער טראדיציע פארעכענט אלס אפגעשאפט. ווען דער געזעץ-פראיעקט איז דורכגעגאנגען דורך די פאלאטען, מוז דער קעניג אים אינבא-דינגט באשטעטיגן. דער קעניג איז פארעכענט אלס דער הויפט פון גערעכטיגקייט און האט רעכט באשטימען ריכטער און די באשטימטע פון קעניג ריכטער קאנען שוין ניט ענטזאגט ווערען דורכן קעניג-זעלבסט. דעם ריכטער-טיטול פארלירען זיי נאר נאכ'ן פסק-דין פון געריכט. דער קעניג איז אנ'אינפאראנטוואָרטליכער הויפט פון דער רעגירונגס מאכט, אבער ער רעגירט איבער דאס לאנד מיט דער הילף פון פאראנטווארטליכע מיניסטארען

(impeach ment); ער זעלבסט באשטימט מיניסטארען, אבער ער איז פארפליכטעט באשטימען זיי פון דער מערהייט און גע-מיינדען-פאלאטע ד. ה. פון יענער פארטיי, וועלכע האט דארט די מערהייט שטימען, אזוי אז אלע מיניסטארען זיינען פון דער מערהייט אין פארלאמענט און ארבייטען האנד ביי האנד אין זיינען פאראנטווארטליך פאר'ן פארלאמענט. ער נאר קאן אנקלא-גען אין געריכט און משפטן דעם קעניגס מיניסטארען. אלס הויפט פון גערעכטיגקייט האט דער קעניג רעכט בעגנאדיגען, אבער ער האט ניט קיין רעכט בעגנאדיגען פאר'משפט'ע מיניסטא-רען. קורץ גערעדט, ענגלאנד איז א בעגרענצטע מאנארכיע. ווייל דארט איז די קעניג-מאכט באגרענצט דורכ'ן פארלאמענט.

די געמיינדען-פאלאטע באשטייט פון 670 דעפוטאטען. וועלכע ווערען אויסגעקליבען פון שטעט, געגענדען, אוניווערסי-טעטען; אויף 53000 איינוואהנער קומט אויס לערך 1 דעפוטאט. אין די וואהלען באטייליגען זיך אלע בגרות-בירגער, אויבער פאר,משפט,ע און פאליציי-בעאמטע; דעפוטאטען אין געמיינדען-פאלאמע ווערען אויסגעקליבען אויף 7 יאהר. דאס רעכט צו זיצען אין לארדען-פאלאטע געהערט יעדען עלטערען מיטגליד פון דער העכערער אדעל ד. ה. הערצאגן מארקיזן, וויקאנטען, גראפען, באראנען א. א. וו. לארדען זיינען דא גייסטליכע*) און פשוטע אדעל. זיי ווערען גערופען פון קעניג-זעלבסט שריפטליך.

דער פארזיצענדער אין לארדען-פאלאטע, דער לארד-קאנצלער, פארנעמט דעם ארט פון דעם יוסטיץ-מיניסטער אין אנדערע לענדער. אין דער געמיינדען-פאלאטע ביים גרינדען דעם פארלאמענט ווערט אויסגעקליבען א שקיפער. ער שפילט זייער א וויכטיגע ראל אין לאנד, ער איז ניט גאר דער פארזי-צענדער אין פאלאטע, ער פירט אן מיט דער ארדנונג, מיט די דע-

*) איצט געפינען זיך אין לארדען-פאלאמע אזוינע מיטגלידער 590.

באַטען, אויסער דעם איז ער איר פאַרטרעטער, ווען זי טרעט ארויס אינגאַנצען פאר׳ן קעניג. דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האַט רעכט ארויסגעבען געזעצען, באַשטימען סכומען פון מלוכה-אייננאַהמען און אויפזען נאָך דער רעגירונג. דער קאָנטראָל איבער דער רעגירונג באַשטייט אין פאָלגענדעס: די מיטגלידער פון די פּאַלאַטען קאָנען פאַרלייגען די מיניסטאָרען אנפראַגען וועגען דער רעגירונג; די פּאַלאַטע, אויסהערענדיג די אַנפראַגע זאָגט ארויס אין אַ דעקלאַראַציע צו זי איז איינשטימונג צו זיין. נאָך האַט די פּאַלאַטע רעכט צונויפרופען עקסטרא פאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיעס אויף אונטערזוכען באַשטימטע רעגירונגס-צווייגען. ווען צווישען מיניסטאָרען-קאַבינעט און געמיינדען-פּאַלאַטע קומט פאָר אַ צוזאַמענשטויס, האַט רעכט דער קעניג פאַנאַנדערצולאָזען די פּאַלאַטע און באַשטימען נייע וואַהלען׳ געבענדיג דאָמיט מעגליכקייט די בירגער מיט זייער באַלאָטירונג ארויסזאָגען, ווי זיי פאַרהאַלטן זיך צו דעם פאָלגענדען צוזאַמענשטויס.

---

## די מלוכה ארדנונג אין אמעריקע.

אין צפון-אמעריקע געפינט זיך אַרייכע און שטאַרקע מלוכה, וועלכע הייסט „צ פ ו ן - א מ ע ר י ק א נ י ש ע פ א ר א י י נ י ג ט ע ש ט א ט ע ן" אַיאַהר דריי הונדערט צוריק האָבען אַהין אָנגעהויבען צו עמיגרירען פון ענגלאַנד אין גרויסען צאָהל קאָלאָניסטען; זיי האָבען געזוכט גליק אויף די פרייע פרוכטבאַרע פעלדער פון אמעריקע, באַזעצט זיך האָבען זיי אין באַזונדערע אָפּגעטיילטע קהלה-קאָלאָניעס און איינגעפירט איינענע אָרדענונגען. אַט אַזוי האָבען זיך געגרינדעט קאָלאָניעס פון ענגלישע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען מיט דער צייט אָנגע-

הויבען הייסען שטאטען—נאך זייער ארדנונג—ניט צו גרויסע זעלבסטשטענדיגע רעפובליקן. א יאהר הונדערט דרייסיג צוריק האבען זיי אויפגעשטאנען, ניט וועלענדיג זיין אונטערגעווארפען דער מאכט פון ענגלאנד, זיי האבן געקעמפפט, ערווארבען פרייהייט און אונאפהייננגיקייט און געגרינדעט די יעצטיגע מלוכה פארבאנד אין צפון-אמעריקא. 13 שטאטען האבן זיך פארבונדען צוזאמען און געגרינדעט א רעפובליקאנישן פארבאנד ד. ה. א פעדעראטיווע רעפובליק פון קליינע פרייע רעפובליקען*) זיי האבן אויסגעקליבן א בשותפות׳דיגע רעגירונג וועלכע שטעהט אין דער הויפט פון אלע אמעריקאנישע בירגער, דאך אבער האט יעדער שטאט-רעפובליק צוריק באהאלטן איהר פריהעריג רעפובליקאנישע ארדנונג. אין דער הויפט פון דער פארבאנד מאכט וועלכער ס׳זיינען אונטערגעווארפן ניט נאר אנ׳אנטערשייד אלע בירגער, נאר אויך די רעגירונג, שטייט דער קאנגרעס, דער פרעזידענט, דער העכערער געריכט א. אנד. דער קאנגרעס באשטייט פון צוויי פאלאטען: סענאט און פארשטהער-פאלאטע**) אין דער פארשטעהער-פאלאטע קלייבען דעפוטאטען אלע בגרות-בירגער. זיי קלייבען אויס אויף צוויי יאהר. אויסקלייבען קאן מען א בירגער פון 25 יאהר, וועלכער איז אנ׳אמעריקאנער בירגער ניט וויניגער ווי 7 יאהר. די וואהלען אין פאלאטע קומען פאהר לויט אלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער וואהל-סיסטעם. איין דעפוטאט קומט אויס לערך אויף 174,000 איינוואוינער, נור אויף יעדער שטאט מוז אויסקומען ניט וויניגער, ווי איין פארשטעהער, אין יעדער פון די שטאטען, וועלכע קומען אריין אין פערבאנד, זיינען דא באזונדערע, געזעצגעבערישע זאמלונגען אין א די

*) יעצט פאראייניגט די אמעריקאנישע רעספובליק 75 שטאטען און 7 געגענדען אבלאסטען מיט א באפעלקערונג פון אונגעפער 80 מיליאן—

**) ביי אונז איז עס גאסודארסטווענע סאוועט און גאסודארסטווענע דומע)

געזעצגעבערישע זאמלונגען קלייבען אויס צו צוויי סענאטארען פון יעדער שטאט, א סענאטאר קלייבט מען שוין אויס אויף זעקס יאהר א סענאטאר קאן זיין יעדער בירגער פון 30 יאהר וועלכער איז אנ׳אמעריקאנער בירגער ניט ווייניגער פון 9 יאהר. דער קאנגרעס וועלכער באשטעהט פון פארשטעהער-פאלאטע אין סע- נאט גיט ארויס געזעצן פאר דעם גאנצען פארבאנד׳ פון די צפון- אמעריקאנישע פאראייניגטע שטאטען און רעגירן רעגירט אין לאנד לויט א די געזעצן דער פרעזידענט; ער האט, ווי מען זאגט, דאס לעצטע ווארט—די אויספירונגס-מאכט. אלס פרעזי- דענט קאן אויסגעוועהלט ווערן נאר א געבארענער בירגער פון 35 יאהר, וועלכער לעבט דארט ניט וועהניגער אלס 14 יאהר[1]) דעם פרעזידענט קלייבן אויס אלע בירגער[2]) אבער ניט דירעקט, נאר דורך עקסטרא-אויסוועהלער; אלס אויסוועהלער קאן ניט זיין א מיטגליעד פון קאנגרעס און א מלוכה-בעאמטער. די אר- דנונג פון אויסוועהל-וואהלען ווערט פריהער ניט באשטימט דורך דער רעגירונג; יעדער שטאט וועהלט אויס, ווי ער וויל, די אויס- געוועהלטע פון יעדער שטאט קלייבן זיך צוזאמען דעם ערשטען מיטוואך פון מאנאט דעצעמבער איינמאל אין פיר יאהר און שטימען דאן פאר איינעם פון די קאנדידאטן;[3]) אויסגעקליבן אלס פרעזידענט הייסט דער יעניגער, פאר וועלכען אין אלע שטאטן ווערט אפגעגעבען די מערהייט פון שטימען.

אין דער פאלגענדער ארדנונג ווערט אויסגעוועהלט אויך

---

[1]) א פרעזידענט קאן אויסגעוועהלט ווערען ניט מערער ווי צוויי מאל נאך א נאנד. ד. ה. אויף אכט יאהר.

[2]) אין אנדערע שטאטען (ווי קאלאראדא, אוטא, נעווואדא, וואיאמינגא) האבען די פרויען אויך דאס שטים-רעכט. גאר אין גיכען וועלען דאס רעכט באקומען אלע אמעריקאנישע פרויען—

[3]) דאן ווערען די וואהל-צעטלען איבערגעשיקט דעם סענאט אין וואַ- שינגטאן וועלכער ציילט נאך די שטימען —

דער וויצע-פרעזידענט ער ווערט באשטימט אויפ׳ן פאל פון פרעזידענטס טויט, ס׳זאל זיין שטענדיג א שטעל-פארטרעטער; דער וויצע-פרעזידענט האט קיין מאכט, ער זיצט נאר אלס פאר-שטעהער אין סענאט. דער פרעזידענט פון דער רעספיבליק רע-גירט איבער׳ן לאנד מיט דער הילף פון 7 מיניסטארען, וועלכע ווערען באשטימט פון איהם נאר נאכ׳ן באשטעטיגונג פון סענאט; ער באשטימט אלע מלוכה-בעאמטע, קאמאנדירט מיט דער ארמעע*), אונטערהאנדעלט מיט די אנדערע לענדער א. א. וו. ער האט אבער קיין רעכט זעלבסשטענדיג קריג אנצופאנגען; דאס רעכט געהערט נאר דעם פאלקס-פארטרעטונג—דעם קאנגרעס.

דער פרעזידענט האט דאס רעכט צו אפעלירען דעם אנ-גענומענעם געזעץ פון קאנגרעס. אבער אין א געוויסער מאס; אויב דער אפעלירטער דורכן פרעזידענט געזעץ ווערט ווידער אנגענו-מען פון קאנגר׳עס (מיט $^{2}/_{3}$ שטימען)—דאן באקומט עס די פולע מאכט פון א געזעץ, חאטש אפילו געגען דעם פרעזידענטס-ווילען. פאר וועלכען עס איז חטא קלאגט אן דעם פרעזידענט צום געריכט די פערטרעטער-פאלאטע און דעם אורטייל באשטע-טיגט שוין דער סענאט, אבער צום בעשולדיגען איז נויטיג די מערהייט ($^{2}/_{3}$ שטימען). דער קאנגרעס קאן איהם נאר פסלען אלס פרעזידענט; ווען ס׳איז אבער נויטיג פאר איהם א קרימינעל-שטראף, דאן ווערט דער געפסעלטער דורך דעם סענאט פרעזידענט איבערגעבן אין פאריבאנד פון חעכערן געריכט. אין דער מיט פון געריכטס-מאכט שטייט דער העכערער געריכט; ער באשטייט פון 8 מיטגלידער, וועלכע ווערן באשטימט פון פרעזידענט נאך דער

*) אין פרידען-צייט איז זעהר ווייניג חיל, וועלכען מען פארגרעסערט מיט געדונגענע וואלאנטערען; אין קריג-צייט אבער איז ערלויבט צו באשטימען אצוואנגס וועהר פליכט אין ארמעע. אויסער די ארמעע זיינען נאך דא מיליציאנערען, וועלכע היטען די ארדנונג און די זיכערהייט פון אינערליכען לעבען.

# די מלוכה־ארדנונג אין שווייץ.

איצט איז שווייץ א פארבאנד-רעגירונג, וועלכע באשטייט פון 25 קליינע רעספובליקען-קאנטאנען. א יאר 600 צוריק האבן זיך געפונען אויף דיא אלפען-בערג צווישן איטאליען און דייטשלאנד ארעמע פאנאנדערגעווארפען וועלדער-קהלות פון דארפס איינוואוי-נער און קליינע שטעט. דיא האנדעלס-וועגן זיינען געגאנגען איבער די אלפען; דארט האבן געפירט זייער האנדעל איטאליען מיט דייטשלאנד א. אנד. די דארטיגע איינוואוינער האבן געדינט אלס דרייסטע באגלייטער איבער די אלפען-בערג. זיי האבן דורבגעפירט סחורות, באשיצט די דורכפארער און פלעגן באקומען זייער פיל. זייערע הכנסות זיינען, איבערהויפט, פארגרעסערט געווא-רען, ווען איבער דעם בערג-רוקען סען-האטארד איז דורכגעפירט געווארען א גלייכע וועג. ביזן 12-טען יאר הונדערט האט א טיפער גראבען צוטיילט די וועג און עס איז געווען נויטיג ארום צו פארען יענעם ארט, אבער די בערג-איינוואוינער האבן איבער געווארפען א קייט בריק איבערן גראבען און דערמיט האבן זיי פארקירצט די האנדעלס-וועג פאר דעם האבן זיי גענומען פון די סוחרים גרויסע שטייערן; די דייטשע מלכים האבן זיך געווארפען אפצונעמען ביי זיי א דעם דירבנאנג. דאס האט געצוואונגען די איינוואוינער פון די דארטיגע קאנטאנען מאכן צווישן זיך אין יאר [1291] (אנ'אייביג) פארבאנד צו באשיצען זייער פרייהייט און אומ-אפהייננג. צו דעם פארבאנד, שאן נאכדעם זיינען צוגעשטאנען נאך קאנטאנען און האנדעלס שטעט. אזוי האט זיך געגרינדעט דער איצטיגער שווייצארישער פארבאנד פון פרייע רעספובליקען. די איצט עקזיסטירענדע מלוכה-ארדנונג, פון שווייץ איז באשטימט געווארען דעם 30-טין מאי 1874-טין יאר. אין דער מיט פון פארבאנד שטיט די פארבאנד-זאמלונג, ווען ס'געהערט די

נעזעצגעבערישע מאכט, ד. ה. זי גיט ארויס געזעצען אלגעמיינע פאר די גאנצע שווייצארישע מלוכה. דער פארבאנד-זאמלונג באַשטייט פון צוויי פאלאטען; נאציאנאל-ראט, וועלכער איז צוזאמען דער שווייצארישער פאלק, און דער קאנטאנען-ראט, וועלכער איז דער פארטרעטער פון באזונדערע קאנטאנען, דעפיטאטען פון נאַציאנאלען ראט ווערען אויסגעקליבען אויף דריי יאר אויף דעם יסוד פון אלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואהל-רעכט; דער פערבאנד-זאמלונג גיט ארויס געזעצען און אויס פירען א די געזעצען פירט אויס דער פערבאנד-ראט; ער באשטייט פון 7 מיטגלידער; צו אויס וועהלען א די 7 רעגירער ווערט ציזאמען גערופען דער נאציאנאל און קאנטאן-ראט און אין דער אלגעמיינער זיצונג ווערען דורכגעפירט די וואהלען ווי נאר די וואהלען זיינען דורכגעפירט, קלויבען אויס די 7 רעגירער פון זיך א פרעזידענט אין א וויצע פרעזידענט. זיי קלויבען זיי אויס נאר אויף איין יאר. צוויי יאר צו זיין א פרעזידענט איז נים ערלויבט. דער פארבאנד-זאמלונג וועהלט אויך אויס דעם פארבאנד-געריכט. ער באשטייט פון 9 מיטגלידער, וועלכע ווערען אויסגעקליבן אייף 6 יאר, אלס ריכטער קאן אויס געוועהלט ווערן, יעדער בירגער פון 20 יאר. אין א דעם געריכט ווערען דורגעזעהן פראצעסען, וועלכע געהערן צו די באַציהינגען פון באזונדערע קאנטאנען צווישן זיך, צווישן די קאנטאַנען מיט דער פארבאנד-מאכט און פריוואטע אנקלאגען וועגן זייערע מלוכה- און פריוואט-רעכט. דער שווייצישער פארבאנד האט קיין באשטימטע ארמיי, באזונדערע קאנטאנען קאנען יא שאפען זיך אנ׳ארמיי, אבער אין א צאל נים מער אלס 300 מאן דעריבער איז אין שווייץ ארגאניזירט מיליציע, אין וועלכע ס׳מוזען אריין אלע בירגער פון 20 ביז 44 יאר, אלע שווייצער זיינען די בעסטע שיסער, זיי רימען זיך מיט דעם שאן פון נאר לאנג. גאנצע מליכות און איינצעלנע מלכים האבן ארגאניזירט שווייצאר׳ישע אטריאדען

צו פירען קריג. אין יעדען קלענסטען שווייצארישען ישוב איבען זיך נאך יעצט די איינוואוינער יום-טוב צייט אין שיסען. צו דעם צוועק גיט מען יעדען ארויס אומזיסטע פאטראנען. ווער עס קאן נים פאר וועלכע ס'איז סבות גיט דינען אין דער מיליציע, צאלט אויס אנ'עקסטרא אפצאל דער פאר. הייסט עס, שווייץ באשטייט פון 25 קליינינקע זעלבסטשטענדיגע רעספובליקען [1]; יעדע פון די 25 רעספובליקען האט איר מלוכה-ארדנונג (קאנסטיטוציע) וועלכע ס'באשיצט דער פארבאנד-מאכט. דער פארבאנד-מאכט ד. ה. די פארבאנד-זאמלונג, פארבאנד-ראט און פארבאנד-געריכט זעהען דאס אין יעדען קאנטאן זאל ניט אנגעריהרט ווערען די רעספובליק-איינפירונג, איינינע קאנטאנען זאלען ניט אפמאכען קיינע פאליטיש; פארבאנדען מיט אויסלענדישע מלוכות און זיי זאלען ניט אנהייבען קיין קריג צווישען זיך. אין שווייץ זיינען ווארט, דרוק רעליגיע און האנדעל-פרייהייט זייער אפגעהיט און פארן געריכט זיינען אלע גלייך. דארט עקזיסטירט ניט טויט-שטראף פאר פאליטישע פארברעכער. דארט איז איינגעפירט א מהויבדיגע אומזיסטע קינדער-בילדונג. איצט איז דער שווייצארישער פארבאנד דער ערשטער אין גאנצער וועלט, וואו עס האבען זיך אויינגעהאלטען אינטערעסאנטע פאלקס-רעספובליקען איננאנצען זיינען זיי זעקס: אין די קאנטאנען אורי, אונטערוואלדען, און צוויי האלב-קאנטאנען אפענצעל און גלארוס. מיר וועלען זעהען, צ. ב. די מלוכה-ארדנונג אין איינע פון די האלב-קאנטאנען אפענצעל: די העכערע מאכט געהערט דארט דעם גאנצען פאלק, וועלכער קלייבט זיך צוזאמען איין מאל אין יאר, אין חדש אפריל, אויף די פאלקס-פארזאמלונג, זי קומט פאר אויפן פרייען פעלד און באשטייט פון אלע בירגער-מענער פון 20 יאר,

---

[1]) אין דער אמת'ן זיינען פאראן נאר 22 קאנטאנען פון וועלכע דריי קאנטאנען טיילען זיך אינערהאלב.

אויסער פארמשפטע און באנקראטירטע. אנטייל נעמען אין דער פאלקס-פארזאמלונג איז פאר יעדען אמוז. אלע אנדערע בירגער פרויען און קינדער מאגען דארט זיין, אבער קין שטים רעכט האבען זיי ניט. דעם פאלקס-פארזאמלונג געהערט די געזעצגעבעריש מאכט. יעדער בירגער האט דאס רעכט פארצוליגען געזעץ-פראיעקטען, וועלכע ווערען איבערגעגעבען צוערשט אין אנ'-עקסטרא ראט, דער גרייסער ראט, אבער אין דעם פאל, ווען דער ראט ווארפט דעם פארשלאג אפ, האט דער בירגער דאך די רעכט אויפקלערען אים ווידער אין פארזאמלונג*) די פאלקס-פארזאמלונג שטימט איין נאך די מערהייט פין שטימען. אויף א דער פארזאמלוגג ווערען אויך דורכגעזען רעגירונגס-אפריכטונגען און ס'ווערען דורכגעפירט וואהלען פון רעגירונגס-אנגעשטעלטע. דער רעגירונגס-ביודז'עט ווערט אויף דער פארזאמלונג ניט דורכגעזעהען, נאר ער ווערט באשטימט דורך דער רעגירונגס-מאכט. רעגירען רעגירט דער גרויסער ראט, רעגירונגס-ראט און דער לאנדמאן**) זעלבסט-פארשטענדליך, אזוינע אונמיטעלבארע רעספובליקען קאנען נאר עקזיסטירען אין קליינע לענדער מיט זייער שטח און באפעלקערונג. ביי אונז אין רוסלאנד, פארשטייט זיך, אזא רעגירונגס-פארעם איז ניט דורכפירליך

---

*) אויסער דעם איז שווייץ איינע פון זייער ווייניג לענדער וואו עס עקזעסטירט דער רעפערענדום. רעפערענדום הייסט: אלגעמיין פאלקס-שטימען. איידער דער געזעץ-פראיעקט בעקאמט די מאכט פון א געזעץ זאגט וועגן אים הערויס זיין מיינונג, שטימענדיג פאר אדער געגען, יעדער בירגער

**) אין 4 שווייצארישע קאנטאנען (ארגו, באזעל, בערן און ליוצערן) עקזעסטירט א געזעץ, דאס 12,000 10,000 בירגער האבען דאס רעכט פאדערן פערנאנדער צו לאזען די געזעץ-געבערישע גרינדונגס-פערזאמלונג, וועלכע מוז פארנאנדער געהען, און עס ווערן באשטימט נייע וואהלען.

# פון פארלאג.

די צייט, וואס מיר לעבען איצט איבער, האט א רויסגערופען א גרויסע פאדערונג אין פאליטישע ליטעראטור. נעמענדיג אין אכט א די פאדערונג און, אויסער דעם, געדיינקענדיג, ווי נוצליך איז ריכטיג און פונקטליך באלויכטען איצטיגען געשיכטליכען מאמענט, האבען מיר פארגענומען סיסטעמאטיש ארויסגעבען א פאפולערע און פאליטישע אוניווערסאלע ביבליאטעק.

מיר זיינען גאנץ ווייט פונם געדאנק, אויסנוצענדיג דעם מאמענט, ארויסגעבען וואס גיכער א וועלכען עס איז צעטעל ביכער און פארליינגען די לעזער בלויז פרוכט פון עמיזענס פאנטאזיע, שטרעבענדיג ארויסווארפען אויפין מארק. מאקלאטור וואס מער, און וועלווערער, און רעכענענדיג, אז איצטיגע נערוועזע צייט וועט שטערען דעם לעזער זיך צוקלייבען אין דער זאך.

אונזער אויפגאבע איז: שאפען א ניט גרויסע, אבער נוצליכע פאלקס-ביבליאטעק, וועלכע וואלט באמת בריינגען נוץ די ברייטע יודישע פאלקס-שיכטען, ווי א ערציהונגס-מאטעריאל און בעסטען זין פוןווארט. און מיר פארהאפען, אז אונזער ארבייט וועט געהן פאראויס נאכפאלגענדיג שטענדיג אונזער געשטעלטע ציל, און אויב עס וועט ווערען פארווירקליכט כאטש א הונדערטטייל פון אונזער אויסגאבע, וועט עס זיין פאר אונז דער גרעסטער באצאלס פאר אונזער מיה און ארבייט.

פארלאג „חבר“

# פאליטישע אבטיילונג!

## 2) „ווער זיינען עס באלשעוויקעס און מענשעוויקעס"

(א היסטארישער ארטיקעל וועגען די „באלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס" וועלכע ווילען נאך איצט קיין שלום נים מאכען צווישען זיך. א די צושפאלטונג אין דער רוסישער סאציאל דעמאקראטיע ציהט זיך שען ביי 14 יאהר פון 1903 טען יאהר.)

## 3) א. בעבעל

„ערגער פון קנעבטשאפט" קאפיטאליזם און פראסטיטוציע"

## 4) א פאליטישער ווערטערבוך

# בעלעטריסטישע אבטיילונג!

א) ארטור שניצלער: דער טוידט

ב) א. קופרי'ן: האמברינוס

# אויסגאבע „חבר"

מאסקווא, ה. אקצין, מאלאי בראנאיא, גומ. 10, וואהנ. 19,

## פ א ל ק ס  א ו נ י ו ו ע ר ס א ל  ב י ב ל י א ט ע ק

**רעדאגירט פון ה. אקצין.**

## פ י ל י א ל ע ן :

**סאמארא, ש. באסס**

פרעדטעצינסקאיא נאמ. 108 וואהנ. 10.

**חארקאוו, מ. זעליגסאהן**

קוזנעצנאיא 23.

**וויטעבסק, חיים פלאנסקי**

מאלאיא באגאסלאווסקאיא 17.

פיר טורקעסטאן הויפט-פערטרעטער

**א. קאזשוחין**
נ י י - ב ו ה א ר א

**А. КОЖУХИНЪ**
Новая Бухара

## פ י ר  ס י ב י ר י ע ן

**אמסק, ל. גיטעלסאן**

**רעדאקציא פון אמסקי-וועסטניק**

סטעפנאיא, 61. טעלעפאן 12-01

## פיר מיליטער

האבן וויר ארגאניזירט 2 ספעציעלע יודישע סעקציעס.

1) אים קאמיטעט פון ריגבס-דומע (מ י א ס נ י צ ק א י א 27

2) אים ראטה פון די מילוטער און ארבייטער דעפוטאטען,

ביכהאנדלונג **«סאלדאט-גראזשדאנין»**

טווערסקאיא גומ. 66 טעל. 69-26

## ДЛЯ АРМІИ.

СКЛАДЪ ИЗДАНІЯ

книжн. магазинъ Совѣта Солдатскихъ Депутатовъ, „СОЛДАТЪ-ГРАЖДАНИНЪ“,

Тверская, № 66. Тел: 60-26.

Цѣна 30 коп.

**ГЛАВНЫЙ СКЛАДЪ,**

Большой Гнѣздниковскій, № 10.

Еврейская наборная. Издательство **Ховеръ**.